Print Date: 8 June 2022. Source: Page 71, The Australian Jewish News (Melbourne), 4 February 1994 *** "Historical Jewish Press", The National Library of Israel and Tel Aviv University

# ק. צעטניק האט פארניכטעט זיין יידיש לידער־בוך פון 1939



★ ק. צעטניק (י. דינור)

**תל-אביב** — דער באקאנטער שרייבער און דיכטער ק. צעטניק (א פסעוודאנים פון יחיאל דינור, זיין ערשטער נאמען איז געווען יחיאל פיינער) האט לעצטנס ארויסגענומען פון דער נאציאנאלער ביבליאטעק אין ירושלים זיינס א לידער-בוך אויף יידיש און עס צעריסן. דער מחבר האט באשלאסן צו פארניכטן אט דאס יוגנט-ווערק זיינס, ווייל, „עס שטעלט פאר אן אלטע פארשוווּנדענע וועלט".

דאס איז דער דריטער עקזעמפלאר וואס דינור האט געפונען און פארניכטעט.

אויסער דעם, האט ק. צעטניק אויך פארניכטעט צוויי אנדערע עקזעמפלארן פון זיינע לידער אויף יידיש, וואס האבן זיך געפונען אין דער ביבליאטעק פון אמעריקאנער קאנגרעס און אין ירושלים.

איצט שטעלט זיך ארויס, אז אן עקזעמפלאר פונעם דערמאנטן בוך, אפשר דער לעצטער, געפינט זיך אין די הענט פונעם באקאנטן העברעישן דיכטער נתן זך.

דאס ק. צעטניק-לידער-בוך איז דערשינען אין 1939. נתן זך האט דערקלערט, אז ער איז א פריינט פון ק. צעטניקן, און א פארערער פון זיין גרויסן טאלאנט. דאס לידער-בוך איז א וויכטיקער עטאפ אין דער קינסטלערישער און פאעטישער אנטוויקלונג פון ק. צעטניקן.

אגב, האט זך דערציילט, אז ער האט קיין מאל ק. צעטניקן נישט באגעגנט.

נתן זך האט דערקלערט, אז ער וועט דאס בוך נישט געבן ק. צעטניקן און וועט עס נישט פארעפנטלעכן.

זך זעט אין ק. צעטניקס באשלוס צו פארניכטן זיין יוגנט-ווערק „א לעצטן חשבון-הנפש וואס א מענטש מאכט אין זיין לעבן".